בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

חַג הַשָּׁבוּעוֹת

תש"פ

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִויפִיל מֶעג מֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן צְדָקָה גֶעלְט פַאר זִיךְ?............................א
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שָׁלוֹם מַאכְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער?............................ב
וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן שִׁיעוּרִים אוֹיף וִוידִיאוֹ?............................ג
אֶפְשָׁר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם, שַׁאדְט פַאר מַיין שִׁידוּךְ?.....ז
וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מְכַבֵּד צוּ זַיין מַיין טַאטֶע?............................ט
וִוי אַזוֹי דֶערְשְׁרֶעק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי וָואס לַאכְן אָפּ פוּן בְּרֶסְלֶב?............י
אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, וִוי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?............................יב
מֶעג מֶען אָנְצִינְדְן הוֹיכֶע מוּזִיק אִין הוֹיף?............................טו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן וֶוערְט מֶען נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.....................א
הַנְהָגוֹת פַאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער............................ב
שְׁטַארְקְט אַייךְ מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אַלֵיין............................ג
אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר דֶערוֹיף...ה
נֶעם אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה............................ו
בַּאצִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת............................ו
אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה'ס גֶעלְט............................ז
דוּ וֶועסְט נָאךְ שֵׁיין אוֹיסְוַואקְסְן............................ז
רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ............................ח
אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים............................ח
נֶעם אָן דִי מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן............................ט
מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט בַּיי דִיר............................י
דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד............................י
דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט מֵיידְלֶעךְ אִיז הֲלָכוֹת............................יא

זָארְג נִישְׁט פַּאר דַיין שִׁידוּךְ ........ יא
אַ גֶעפִיל אִין אֵיידְלְקַייט ........ יא
בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיוּת אִין דִי קִינְדֶער ........ יב
מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער ........ יב
אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעפִיל צוּ אַ צְוֵייטְן ........ יג
אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת ........ יג
תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא זָאלְן זַיין אַ לֶעבֶעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל ........ יד
לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת ........ יד
חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ ........ טו
קוֹדֶם דַאוֶונֶען אָדֶער קוֹדֶם זָאגְן תְּהִלִים? ........ טז
אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי הִינֶער ........ טז
שְׁטַארְק זִיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ זַיין עֶרְלִיךְ ........ יז
צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעג מֶען רֶעדְן אִינְמִיטְן דֶעם קַאפִּיטְל ........ יח
גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע גֶעסְל אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ יט
וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ? ........ כ
פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט ........ כא
אַ פְּרוֹי דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי שְׁטוּבּ ........ כב
אַ קְלוּג אִינְגְל נוּצְט אוֹיס דִי צַייט ........ כב
אַז מֶען פִּירְט זִיךְ הֵיילִיג, הָאט מֶען אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן ........ כג
מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין טָאכְטֶער, וֶועט זִי וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג ........ כד
זַיי מַכִּיר טוֹבָה דַיינֶע קִינְדֶערְס מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת ........ כד
הָאסְט מִיר מְחַיֶ' גֶעוֶוען אַז דוּ הָאסְט פַארְמַאכְט דַיין סְטֶעטוּ"ס ........ כה
נֶעם דִי וֶוערְטֶער, דִי בְּרִיוו אוּן דִי הִתְחַזְקוּת פַאר דִיר ........ כו
זַיי שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ........ כז
אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט! ........ ל
רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ........ ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִיפִיל מֶעג מֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן צְדָקָה גֶעלְט פַאר זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בַּאקוּם בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ חִיזּוּק פוּן דִי דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וֶוען אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט, ווִיפִיל אִיךְ מֶעג אַרָאפְּנֶעמֶען פַאר זִיךְ?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אַרָאפּ נֶעמֶען פַארְוָואס? אַרָאפְּנֶעמֶען פַארְוֶועם? - פַאר צִיגֶרֶעטְלֶעךְ? צוּ קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן? וֶוער הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען מֶעג אַרָאפְּנֶעמֶען גֶעלְט פַאר זִיךְ וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט?! גֶעלְט וָואס מֶען נֶעמְט צַאם פַאר צְדָקָה דַארְף יֶעדֶע פְּרוּטָה גֵיין פַאר דִי צְדָקָה צְוֶועק.

חַס וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן אַיינְרֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען נֶעמְט צַאם פַאר אַ צְדָקָה צְוֶועק - וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גֶעלְט פַאר זִיךְ; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַיין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען נֶעמְט צַאם גֶעלְט פַאר צְדָקָה וֶוען דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה ח, ט) אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט, מֶען רֶעדְט אַיין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען אִיז קְרַאנְק אוּן מֶען דַארְף גֶעלְט זִיךְ אוֹיסְצוּהֵיילְן, וֶועט דֶער סוֹף זַיין אַז מֶען וֶועט וֶוערְן קְרַאנְק רַחֲמָנָא לִצְּלָן; וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ

פְרֶעגְן אַרָאפְּנֶעמֶען גֶעלְט פַאר זִיךְ?

אָךְ און וֵויי פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאגְן הַכְנָסַת כַּלָּה, אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחוֹת אָדֶער אַ נָאמֶען פוּן אַ יְשִׁיבָה - וֶוען זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט דָאס גֶעלְט פַאר צְדָקָה, זֵיי קוֹיפְן זִיךְ מִיט דֶעם צִיגָרֶעטְלֶעךְ אָדֶער טֶעלֶעפָאוֹנְס; מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף. אוֹיסֶער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דַאן מֶען מֶעג זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין פוּן צְדָקָה, דֶעמָאלְט מֶעג מֶען צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט צוּ קֶענֶען לֶעבְן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט מֶעג נֶעמֶען פוּן צְדָקָה; דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ שָׁלוֹם מַאכְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרֵי חִיזוּק, און אוֹיךְ מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף שַׁ"ס, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן עֵצָה אוֹיף אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַיין לֶעבְן. אִיךְ הָאבּ אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער וָואס אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיט אִים, מִיר הָאבְּן אַסַאךְ פַארבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם, לְמַעֲשֶׂה אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סִכְסוּךְ וֶועגְן גֶעלְט זַאכְן און דַאן הָאבְּן מִיר זִיךְ צֶעטֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מַחְלֹקֶת צְווִישְׁן אוּנְז וָואס דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין דִי סִיבּוֹת בִּכְלַל נִישְׁט שַׁייךְ, אָבֶּער דִי שִׂנְאָה אִיז גֶעבְּלִיבְּן. כִּמְעַט וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, און וֶוען יָא אִיז עֶס זֵייעֶר קַאלְט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַפָּאר מָאל צוּרִיקְצוּדְרֵייעֶן אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר טְרֶעפְט אַלְץ אַ וֶועג ווִיאַזוֹי מִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן אַז עֶס נֶעמְט נִישְׁט קַיין עֶק, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, ווִיאַזוֹי קֶען אִיךְ מִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן דֶערְפוּן; ווִילַאנְג דוּ פוּן דַיין זַייט קְרִיגְסְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט פַּיינְט דַארְף דִיר עֶס נִישְׁט אָנְגֵיין.

בּוֹי אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיי נִישְׁט פַּארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע; זֶע אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין ווַייבּ קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט, דוּ מִיט דַיין ווַייבּ לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אוּן אַז דַיינֶע בְּרִידֶער ווִילְן רֶעדְן מִיט דִיר אִיז גוּט אוּן אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף פוּן דֶעם.

טְרַאכְט פוּן תַּכְלִית; ווִי לַאנְג אִיז מֶען בִּכְלַל דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן מִיר וֶועלְן אַלֶע דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט אִיבֶּער נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט, עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער דוֹרוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּלָאזְן.

אַנְשְׁטָאט רֶעדְן מִיט דַיינֶע בְּרִידֶער רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; דֶערְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה. אַנְשְׁטָאט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

...

### ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן שִׁיעוּרִים אוֹיף ווִידִיאוֹ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ בְּרָכַת מַזָּל טוֹב צוּם עֶרְשְׁטְן אֵיינִיקְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

אִיךְ בִּין אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּגֶעכַאפְּט צוּם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶערְוַוייל נָאר מִיט גְּמָרָא, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, מִיטְ'ן פוּלְסְטְן מָאס רֶעסְפֶּעקְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט דָאךְ אַזוֹי אַסאךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שוּם קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאוֹס, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאוֹס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים. עֶס אִיז מִיר אַ פַארְגֶעניִגְן צוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹרִי וְרַבִּי מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וִויפִיל אִיךְ זָאל נָאר טוּן, ווִיפִיל אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן טוּן, וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַאר דָאס וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן.**

**מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, "כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי** (מִשְׁלֵי לא, כ)**", זַיינֶע אָרֶעמֶעס הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּם אָרֶעמַאן, "וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן", זַיינֶע הֶענְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ מִיר; עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט מִיר גֶעווִיזְן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן דֶעם גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.**

**אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ פַארְלוֹירֶענֶע נְשָׁמָה, אִיךְ הָאב זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען מַיין פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט; אִיךְ הָאב פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל וֶועגְן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַזוֹיפִיל גוּטֶע אִידְן זֵיי זָאלְן מִיר זֶעטִיגְן מַיין הוּנְגֶערִיגֶע נְשָׁמָה, אָבֶּער אִיךְ הָאב אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט מִיר אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ הָאב גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי ווִי דֶער בֶּן יָחִיד פוּנֶעם רָבּ** (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ח' - מֵרַב וּבֶן יָחִיד) **וָואס פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט אַ חִסָּרוֹן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט דֶעם מָאוֹר הַגָּדוֹל. זַיין טַאטֶע - דֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין צוּם צַדִּיק, עֶר הָאט אִים אַלְץ אָפְּגֶערֶעדְט: "עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ רַבָּנִי'שׁ קִינְד צוּ גֵיין צוּ אִים"; אַזוֹי הָאב אִיךְ אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם**

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, דָאךְ הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט זַיין טִיר פַאר מִיר אוּן מִיר גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אִין לֶעבְּן; אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּרִיק צוּ צָאלְן, וִוי קֶען מֶען בַּאצָאלְן פַארְ'ן גֶעבְּן לֶעבְּן... אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ טוּן, אִיךְ וֶועל טוּן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אַלֶע יָארְן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אַנְדֶערֶע דָאס וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען, אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: 'וָואס הָאט דִיר גֶעפֶעלְט? וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש? צִי וָואס דַארְפְסְטוּ בִּכְלַל בְּרֶסְלֶב?' אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע שְׁאֵלוֹת פְרֶעגְט מֶען שְׁטֶענְדִיג: 'וָואס הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ?' דִי שְׁאֵלוֹת קֶען מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; וֶוער עֶס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אַ צַדִּיק קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוּן וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי דַיין רֶבִּי'ן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט", הָאט דֶער שְׁוֶוער אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּב אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ, יֶעדֶער וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט?!" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט דֶעם שְׁוֶוער: "אַלֶע זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער אִיךְ לֶעבּ מִיט דֶעם, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיים הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר אַלֶע וָואס פְרֶעגְן מִיר: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? וָואס הָאסְטוּ דָארְט אַיינְגֶעזֶען?" עֶנְטְפֶער אִיךְ: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט", אוּן אַז מֶען פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אַלֶע וֵוייסְן דָאס!" זָאג אִיךְ זֵיי: "אַלֶע זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער אִיךְ לֶעבּ מִיט דֶעם".

בַּיי מוֹהֲרָא"ש הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אִין לֶעבְּן; מוֹהֲרָא"ש

הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א): "דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלה, ה): 'כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים', פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי וָואס אִיז דָאס 'כִּי אֲנִי' אַז אִיךְ וֵוייס? זָאל שְׁטֵיין: 'כִּי גָדוֹל ה'' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס?! זָאגְט דֶער רֶבִּי: 'כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, וַאֲפִילוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל', מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אַלֵיין קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

וִויפִיל מִיר וֶועלְן נָאר רֶעדְן פוּן דַיין גְרוֹיסְן זֵיידֶען מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט; זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט עֶר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"ש הָאט לִיבּ גֶעהַאט נָאךְ אַ אִיד, עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט; נִישְׁט דִי וַוייבּ, נִישְׁט דִי קִינְדֶער - קֵיינֶעם, דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נָאר מוֹסִיף גֶעוֶוען מֶער אוּן מֶער. דֶערְפַאר פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דַיין זֵיידֶע מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיט זַיינֶע וֶוערְטֶער, מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.

מוֹהֲרָא"ש וָואלְט אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַז זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען בַּיי דִי אֵיינִיקְלֶעךְ זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער; מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

מַזָּל טוֹב פַארְ'ן סִיּוּם מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת; יֶעצְט הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז מִשְׁנַיּוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סְגוּלָה, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע גְלִיסְט צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע רֵייץ צוּ וֶועלְן לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. עֶס רֵייצְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ וֶועלְן הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ,

זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן ווִידִיאוֹס וְכוּ׳; בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט. ווִידִיאוֹס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אֲפִילוּ קוּקְן גוּטֶע זַאכְן אִיז נִישְׁט כְּדַאי, עֶס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס; דָאס שְׁלֶעפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, עֶס פַאר׳תַּמ׳ט דֶעם קָאפּ אוּן שֵׂכֶל; דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן - מַאכְט מֶען דָאס פַאר זֵיי, אָבֶער פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז זִיכֶער נִישְׁט גוּט צוּ קוּקְן ווִידִיאוֹס.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס קוּקְט נִישְׁט קַיין ווִידִיאוֹס אוּן קְלִיפְּס, עֶר הִיט זַיינֶע אוֹיגְן, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֶפְשָׁר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם, שַׁאדְט פַאר מַיין שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ בִּין אַ נַיינְצֶן יֶערִיגֶער בָּחוּר, דֶערְוַוייל אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען מַיין שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דָאס קוּמְט צוּלִיב אַן הַקְפָּדָה פוּן אֵיינֶעם.

בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף אַ בָּחוּר'ס חֶשְׁבּוֹן, אוּן עֶר אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן אִין פָארְנְט פוּן עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מַמָּשׁ בָּרַבִּים, אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס מִיטְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ הָאבּ אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיךְ גֶעקוֹיפְט אַ טְשָׁאקָאלַאדֶע אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אוּן אִיךְ לֶעבּ יֶעצְט גוּט מִיט אִים, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ שׁוּלְד גֶעפִיל פוּן דֶעם.

אוֹיךְ אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁטֶערְט מַיינֶע מְלַמְּדִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַכְט יָאר אַלְט.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ח אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט יֶענֶעם פַארְשֶׁעמֶען; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): ״הַמַּלְבִּין אֶת פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא״, וֶוער עֶס פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא; אַזוֹי הַארְבּ אִיז פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן. אַ שָׁאד מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן וֵוי טוּן אַ צְוֵוייטְן.

אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם פַארְשֶׁעמְט, מֶען הָאט אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן - דַארְף מֶען יֶענֶעם מְפַיֵּיס זַיין, מֶען דַארְף אִיבֶּער בֶּעטְן אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶער דָאס נִישְׁט צוּ טוּן; אוֹיבּ מֶען בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל דֶעמָאלְט אִיז מֶען יָא אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא.

אַז דוּ הָאסְט יֶענֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן עֶר הָאט דִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען דַארְפְסְטוּ נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער אוּן מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

זָאג יֶעדְן טָאג דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): ״מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״, וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן דִי ״קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ׳, וְכוּ׳״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען זִיךְ שְׁטַארְקֶן מְכַבֵּד צוּ זַיין מַיין טַאטֶע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט אַ צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶע מֵיידְל. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, אוּן זַייט דֶעמָאלְט לֶעבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ הֶערְלִיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט לֶעבְּן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר דֶעם.

אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל אִין דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער כִּיבּוּד אָב וָאֵם. אִיךְ פְּרוּבִּיר שְׁטַארְק עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים צוּ זַיין, אָבֶּער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר צוּ מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. מַיין טַאטֶע ווֵייסְט לֵיידֶער נִישְׁט פוּן דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן פִּירְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין צוּ מַיין מַאמֶע אוּן צוּ אוּנְז קִינְדֶער, עֶר אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן לֶערְנְט נִישְׁט, מַיין מַאמֶע מוּז טְרָאגְן דִי גַאנְצֶע עוֹל פוּן פַּרְנָסָה אוּן דַארְף זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן מַיין טַאטֶע הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַלְס אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ מֵיידְל פִיל אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְלִיכְט אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר טַאקֶע דִי מֶערְסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט ווִי דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּרֶענְגְט פוּן סֵפֶר חֲרֵדִים אַז מֶען אִיז מְחוּיָב מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ אִין הַארְצְן, אוּן עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן. פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען אִיךְ זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְוָואס צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער פוּן אִינֶעווֵייניג קָאכְט זִיךְ מִיר קֶעגְן אִים. אִיךְ וָואלְט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל פוּן לִיבְשַׁאפְט אוּן כָּבוֹד צוּ מַיין טַאטֶע, אוּן אִיךְ דַאוֶוען טַאקֶע אַסַאךְ פַאר דֶעם, אָבֶּער עֶס זֶעט אוֹיס אוּמְמֶעגְלִיךְ.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם? אוֹיךְ ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בְּקָרוֹב אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ח אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פְּרוּבִּירְט צוּ קוּקְן אוּן צוּ זוּכְן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף אַייעֶר טַאטֶע, עֶס אִיז זִיכֶער דָא עֶפֶּעס גוּטְס אִין אִים; אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאפוֹילְן, מֶען מוּז

קוּקְן גוּט אוֹיף עֶלְטֶערְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלַאכְן אוּן אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי - אֲפִילוּ שְׁטִילֶערְהֵייט, דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר חֲרֵדִים פֶּרֶק ט, סִימָן לה): "אֲפִילוּ מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן עֶלְטֶערְן בְּלוֹיז בְּמַחְשָׁבָה, מֶען אִיז מְזַלְזֵל בְּלוֹיז בְּמַחְשָׁבָה, אִיז מֶען שׁוֹין אוֹיךְ פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיב מֶען פַארְשֶׁעמְט עֶלְטֶערְן אָדֶער מֶען חוּצְפָּה'ט זִיךְ צוּ זֵיי, דֶעמָאלְט אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כז, טז): "אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס שֶׁעלְט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת מַמְרִים, סִימָן טו) אַז אוֹיב מֶען פַארְשֶׁעמְט עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ נָאר מִיט וֶוערְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר בִּרְמִיזָה - אִיז מֶען שׁוֹין פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז אִיר וֶועט קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף אַייעֶר טַאטֶע וֶועט אִיר אִים מַאכְן עֶר זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב): "וֶוען מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אִין יֶענֶעם אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל זַיין אַ רָשָׁע רַחֲמָנָא לִצְלָן קֶען מֶען יֶענֶעם מַאכְן פַאר אַ צַדִיק", דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע", אַז מֶען טְרֶעפְט עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, וָואס מִיט דִי גוּטֶע זַאךְ אִיז מֶען נִישְׁט קַיין רָשָׁע, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", זֶעט מֶען נָאכְדֶעם אַז יֶענֶער אִיז מֶער נִישְׁט קַיין רָשָׁע, יֶענֶער וֶוערְט אַ צַדִיק.

מִישְׁטְס אַייךְ נִישְׁט אַרַיין אִין דִי רַייבֶּערַייעֶן וָואס פַּאסִירְט צְווִישְׁן אַייעֶר טַאטֶע אוּן מַאמֶע; שְׁטֵייטְס אִין דֶער זַייט אוּן נֶעמְטְס זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר קֵיינֶעם, אִיר דַארְפְט זֵיי בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין; דֶעמָאלְט וֶועט אִיר גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי דֶערְשְׁרֶעק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי וָואס לַאכְן אָפּ פוּן בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פֶּערְצְן יֶערִיגֶער לְיוּבַּאווִויטְשֶׁער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קוּנְטְרֵס פוּן

מוֹהֲרָא"שׁ, און איך הָאבּ עֶס זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט און איך הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מֶער און מֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים.

אָבֶּער אִין לְיוּבַּאווִיטְשׁ אִיז מֶען זֵייעֶר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ לֶערְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים, אוֹיךְ ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים אִיז גוּט אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען צוּם עֶרְשְׁט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר אוֹיף דִי שְׁקָרִים וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז חַבַּ"ד אִיז אַנְטְקֶעגְן בְּרֶסְלֶב; ווִי קֶען מֶען זָאגְן אַזַא אָפֶּענֶע לִיגְנְט, וֶוען חַבַּ"ד און בְּרֶסְלֶב הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעלֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט. אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קְרִיגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי ווִי עֶר קְרִיגְט אוֹיף מִיר"; דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען דִי פַייעֶר פוּן מַחְלֹקֶת אַנְטְקֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶענוּמֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט לִיבּ גֶעהַאט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְגֶע נְסִיעָה אִיז דֶער רֶבִּי גְלַייךְ גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי יְסוּרִים וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶנְדְלִיךְ וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִיז עֶר נִישְׁט אַהֵיים צוּ זִיךְ, נָאר קוֹדֶם גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא; ווִי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זָאגְן אַז דִי צְוֵויי גֵייעֶן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם?!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת, דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן אִים שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין. עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט אֵיינֶער צוּם צְוֵויטְן, דֶערִיבֶּער

פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַז דִי צְוֵויי חֲסִידוּת׳ן גֵייעֶן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם.

וֶוער הָאט נָאךְ כֹּחַ צוּ מַחְלֹקֶת? וָואס דַארְף מֶען מַחְלֹקֶת? אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, אַלֶע פוּן זֵיי וַוייזְן אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז דָאךְ נַארִישׁ צוּ רֶעדְן אוּן אַוֶועק מַאכְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. מִיר אַלֶע הָאבְּן אֵיין בַּאשֶׁעפֶער וֶועמֶען מִיר דַארְפְן דִינֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אֵיינֶע פוּן דִי בֶּענְדֶער פוּן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: ״אָב אֶחָד לְכֻלָּנוּ״, מִיר הָאבְּן אַלֶע אֵיין טַאטֶע; אַזוֹי וִוי צוּ זָאגְן אַז אַלֶע סְפָרִים פוּן אַלֶע צַדִיקִים בְּרֶענְגֶען אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְצֵייל נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַז דוּ הָאסְט חַיוּת פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ רֵייצְן? אוֹיךְ פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה דַארְפְסְטוּ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ אַיינְשְׁפָּארְן מַחְלֹקֶת אוּן קָאפּ וֵויי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, וִוי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן אַרְבֵּייטְס אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאב נִישְׁט צוּפִיל צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, דַארְף מֶען קוֹדֶם עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער קוֹדֶם יֶעדֶע מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל? אוּן דָאס אִיז מַסֶכְתּוֹת פוּן מִשְׁנָיוֹת אָדֶער פוּן גְמָרָא?

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין אוּן קְלָאר שְׁטֶעלְן וִוי וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֵייבּ אָן מִיט מִשְׁנָיוֹת; גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צְוֵוייטְן מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶעם אוֹפֶן, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִיר אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא; הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט. קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט פַארְשְׁנַיידְן אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים; צַדִיקִים טַייטְשְׁן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קו:): ״גְּמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא״, ״גְּמָרָא גְמוֹר״ - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא, דֶעמָאלְט: ״זְמוֹרְתָּא תְּהֵא״ - דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן: ׳לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים״, אַז מֶען זָאגְט גְמָרָא פַארְשְׁנַיידְט מֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אֲפִילוּ דוּ פַארְגֶעסְט, דוּ גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין אִין אַ רֵייעָ אֵיין בְּלַאט נָאכְן צְוֵוייטְן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶס וֶועט דִיר רַייךְ מַאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קלז): עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזֶען אוֹיף זַיין חָבֵר אַז עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער חָבֵר הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשָׁאקֶלְט פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעט עֶר וִוי דֶער חָבֵר הֵייבְּט אָן מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶער עֶר

זֶעלבְּסְט אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, פַארְוָואס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט? עֶר אִיז מַצְלִיחַ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר', אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ קוּפְּקֶע אוּן עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ גְרִידֶער וִוי מֶען צֵיילְט גֶעלְט, אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאנְט הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "רִיר נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעלְט, דִי גֶעלְט בַּאלַאנְגְט פַאר דַיין אַלְטֶער חַבֵר", הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן וִוי עֶר טוּט אַן עֲבֵירָה?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶּער דוּ לֶערְנְסְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר גֶעבְּט מֶען פַאר דַיין חַבֵר גֶעלְט אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה וַוייל "מָעוֹת" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבָּה תּ'וֹרָה (סוֹטָה כא.), עֲבֵירָה לֶעשְׁט נִישְׁט אוֹיס דִי תּוֹרָה", קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה דָארְט.

אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא וָואס הֵייבְּן אָן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס כְּסִדְרָן אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען מְסַיֵים הֵייבְּן זֵיי אָן נָאכְאַמָאל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן זֵיי גֵייעֶן דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - דֶער דַארְף שׁוֹין קֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם גֶעפְרֶעגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַאר דַיין לֶערְנֶען?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶער וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען אָנְצִינְדְן הוֹיכֶע מוּזִיק אִין הוֹיף?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אוֹיף דִי בֶּערְג אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מוּזִיק, אִיךְ הָאבּ לִיבּ זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶעצְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער פוּן הוּנְטֶער מַיין הוֹיז און אָנְצִינְדְען דָארְט זֵייעֶר הוֹיכֶע מוּזִיק. עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט פַּאר מַיינֶע שְׁכֵנִים, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט וויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם אָנְצוּצִינְדֶען הוֹיכֶע מוּזִיק אוֹיפְ'ן גַאס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ און הֶערְן מוּזִיק; אַדְּרַבָּה, עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ עֶס זָאל זִיךְ אַרוֹיסְהֶערְן פוּן אִידִישֶׁע הַייזֶער לֶעבֶּעדִיגֶע פְרֵיילִיכֶע מוּזִיק. אַז עֶס אִיז דָא פְרֵיילִיכֶע מוּזִיק אִיז גְרִינְגֶער צוּ מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי ווִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי חָכְמָה פוּנֶעם קֵיסָר נַאפָּאלִיאָן - ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַלֶע מְדִינוֹת - אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט מוּזִיק אוֹיפְ'ן פְרָאנְט צְווִישְׁן דִי סָאלְדַאטְן; זֵיי פְלֶעגְן גֵיין און מַארְשִׁירְן מִיט מוּזִיק, דָאס הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי מוּט און דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ מְנַצֵּחַ זַיין אַלֶע גְרוֹיסֶע לֶענְדֶער.

אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט אִין שְׁטוּבּ לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק און מֶען צִינְדְט דָאס אָן הוֹיךְ, מֶען טַאנְצְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער און נִישְׁט קַיין גוֹיִם. הֲגַם אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הֶערְט זִיךְ דָאס אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין גֶעווִיכְט אוֹיף דֶעם, אָבֶּער מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחְלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ

עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. און דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, און שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יְסוּרִים.

צִינְד אָן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב און אִין חָצֵר פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, צִינְד עֶס אָן הוֹיךְ עֶס זָאל מַאכְן פְרֵיילִיךְ און לֶעבֶּעדִיג; אָבֶּער נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", וֶוער עֶס הֶערְט נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיב מֶען הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן וֶוערְט מֶען נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְרָא, בַּיי אַ מְסִבָּה לְטוֹבַת אוּנְזֶער כּוֹלֵל וואוּ עֶס זִיצְן אִינְגֶעלַייט אוּן לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה. דִי מְסִבָּה אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיי הָאַבְרֵךְ הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר, מֶען הָאט צוּזַאמְגֶערוּפְן דִי מְסִבָּה צַאמְצוּנֶעמֶען גֶעלְט, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן גֶעלְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי לִיכְטִיג, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין. אַזוֹי וִוי עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מֶען הָאט זִיךְ פַארְשְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּי'ן בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ", שְׁפֶּעטֶער עֶרְשְׁט הָאט מֶען זִיךְ גֶעכַאפְּט 'וִוי קֶענֶען מִיר טַאנְצְן, מִיר זֶענֶען דָאךְ אֲבֵלִים?!' אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, מֶען הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן גֶעלְט אוּן פוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, מֶען הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען פְּלוּצְלִינְג אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית? וָואס טוּ אִיךְ דָא?' מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט מֶען טֵיילְן פֵיינֶע מִילְכִיגֶע זַאכְן לְכָבוֹד שְׁבוּעוֹת, זֶע אַז דַיין

וַוייבּ זָאל קוּמֶען.

אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זַיין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג; עֶס הָאט גֶעהֵייסְן אַז אִיךְ וֶועל זַיין אִין שְׁטֶעטְל - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאךְ נִישְׁט פֶערְטִיג, וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַנְהָגוֹת פַאר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר וַוארְט לְמַזָּל טוֹב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

בְּרֶסְלֶב'עֶ פְרוֹיעֶן זֶענֶען מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן אִין דִי טֶעג רֶעטֶעךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קֹשִׁי לֵילֵד, סִימָן א): "אִשָּׁה שֶׁאוֹכֶלֶת צְנוֹן בְּעִבּוּרָהּ, תֵּלֵד בְּקֹשִׁי", אַ פְרוֹי וָואס עֶסְט רֶעטֶעךְ וֶוען זִי וַוארְט וֶועט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶע גֶעבּוּרְט; אוֹיךְ זֶענֶען בְּרֶסְלֶב'עֶ פְרוֹיעֶן מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין רוֹיעֶ קְנָאבְל אוּן צְווִיבְּל וֶוען מֶען וַוארְט אוּן וֶוען מֶען זֵייגְט, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת הֵרָיוֹן, סִימָן ד): "עֻבָּרוֹת וּמֵינִיקוֹת לֹא יֹאכְלוּ שׁוּמִין וּבְצָלִים", פְרוֹיעֶן וָואס טְרָאגְן אוּן זֵייגְן זָאלְן נִישְׁט עֶסְן נִישְׁט קַיין קְנָאבְל אוּן נִישְׁט קַיין צְווִיבְּל; אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען (רַשִׁ"י בַּמִּדְבָּר יא, ה) אַז אִין מִדְבָּר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מָן פוּן הִימְל הָאט מֶען גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן דֶערִין אַלֶע טַעֲמִים, וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען הָאט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן אִינֶעם מָן הָאט מֶען גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן, אוֹיסֶער דִי זַאכְן וָואס שַׁאדְט פַאר פְרוֹיעֶן וָואס טְרָאגְן אוּן זֵייגְן, צְווִישְׁן זֵיי צְווִיבְּל אוּן קְנָאבְל.

אוֹיךְ פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים אִין דִי טֶעג וָואס מֶען וַוארְט אַ שִׂמְחָה צוּ זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; מֶען זָאגְט נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען קֶען פוּן אוֹיסְנְווֵייניג: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב,

מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָּוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִּי, רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרַא"ש וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט. נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַלֶעס זָאל גֵיין גְרִינְג אוּן אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן לֵייסֶענְס וְכוּ׳; אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ מַאכְן לֵייסֶענְס, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת.

זַיי וַוייטֶער מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אוּן זִיכֶער זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר דִי שְׁרַייבְּסְט סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִילִין וּמְזוּזוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְקְט אַייךְ מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אַלֵיין.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר שְׁטַארְק, אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר לֶעבְּן; אֱמֶת עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַייךְ אִין אַייעֶר מַצָּב וֶוען אִיר זֶענְט אַלֵיין, אִיר דַארְפְט אַלֵיינְס מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם וָואס אִיר זֶענְט צֶעטֵיילְט פוּן אַייעֶר מַאן. דִי גַאנְצֶע לַאסְט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת לִיגְט אוֹיף אַייךְ, וָואס אֲפִילוּ אִין אַ גֶעהֶערִיגֶע פַאל וֶוען מֶען אִיז צוּזַאמֶען מַאן אוּן וַוייבּ קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אִידִישֶׁע מַאמֶעס פַאלְן פוּן דִי כּוֹחוֹת פוּן אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן גְרוֹיס אוּן זַיי הֵייבְּן אָן שְׁפִּירְן ווִי זַיי זֶענֶען שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן וְכוּ׳ - אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער מִיט זַיי, אוּן אַוַדַּאי אִין אַייעֶר פַאל וֶוען אִיר אַלֵיין דַארְפְט זַיי אוֹיפְצִיעֶן מִיט אַזוֹיפִיל מִי אוּן פְּלָאג; זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה.

וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם בִּילְד אִיז אַלֶעס אַסַאךְ גְרִינְגֶער; וֶוען מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, 'אַלֶעס וָואס אִיךְ לַייד, מַיינֶע אַלֶע וֵוייטָאגְן קוּמְט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן' -

דֶעמָאלְט אִיז גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט צוּם דָאקְטֶער און דֶער דָאקְטֶער שְׁנַיידְט אִים, עֶר אַפֶּערִירְט אִים; ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז 'דָאס אִיז מַיין טוֹבָה; מִיטְ'ן שְׁנַיידְן הֵיילְט מֶען מִיר, מִיטְ'ן שְׁטֶעכְן וֶועט מִיר בֶּעסֶער וֶוערְן', גֶעבְּט דָאס אִים כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן און נִישְׁט בְּרוֹגֶז וֶוערְן אוֹיפְ'ן דָאקְטֶער; אַזוֹי און נָאךְ אַסַאךְ מֶער אִיז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג 'אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס' - דֶעמָאלְט אִיז גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן.

וֶוען אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִין חֵדֶר און אִין סְקוּל זָאלְט אִיר אַבִּיסְל וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֵויינְטְס צוּ אִים אַזוֹי וִוי אִיר וֵויינְט אִינֶעם בְּרִיוו וָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר, זָאגְטְס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל כֹּחַ פוּן דִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מַאן וָואס זָאל מִיךְ שְׁטַארְקְן; אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס פַאלְן פוּן דִי כּוֹחוֹת הָאבְּן זֵייעֶר מַאן וָואס שְׁטַארְקְט זֵיי; נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעטְן קוּמְט דֶער מַאן אַהֵיים, עֶר רֶעדְט שֵׁיין, עֶר שְׁמֵייכְלְט און עֶר גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס גֶעבְּט כֹּחַ פַאר אִידִישֶׁע מַאמֶעס; אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן מַיינֶע קִינְדֶער עֶרְלִיךְ. דִי קִינְדֶער רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין צוּ מִיר, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי פַּרְשָׁה, זֵיי פָאלְגְן מִיר נִישְׁט; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר אַ שְׁמֵייכְל, גֶעבּ מִיר לִיבְּשַׁאפְט און גֶעבּ מִיר שְׁטַארְקֵייט אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין".

יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט אַ תְּפִלָּה פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעמְס תְּפִילוֹת, בִּפְרַט תְּפִילוֹת פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אוֹיפְצוּצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער און זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

...

**אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר דֶערוּיף.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַיינְצוּהַאלְטְן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר דֶערוּיף, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): ״לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא״, וִוי מֶער מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): ״גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; וֶוער עֶס שְׁפֶּעט פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן בַּאקוּמְט אַ בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ל, יז): ״עַיִן תִּלְעַג לְאָב״, אַן אוֹיג וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין טַאטֶע, ״וְתָבוּז לִיקְּהַת אֵם״, אוּן דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן זַיין מַאמֶע (וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דֶער פָּנִים פוּל מִיט קְנֵייטְשְׁן), ״יִקְּרוּהָ עֹרְבֵי נַחַל״, זָאלְן קוּמֶען דִי רוֹיבּ פוֹיגְל וָואס זֶענֶען גְרוֹיסֶע אַכְזָרִים אוּן אִים אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, ״וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי נָשֶׁר״, אוּן דִי אָדְלֶער זָאלְן אִים אוֹיפְעֶסְן.

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ זָאל זֵיי לִיבּ הָאבְּן״, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק אוּן אַ ווִילְן זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַארְף דִיר אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְרַאכְט נִישְׁט אַז דָאס וָואס אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט דַיינֶע בְּרִיוו אִיז וַוייל אִיךְ דַארְף דִיר נִישְׁט אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן פוּן דֶעם; אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן. גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, אִיךְ דַארְף וֶוען יָא עֶנְטְפֶערְן יֶעדֶע בְּרִיוו אוּן יֶעדֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט גֶענוּג שָׁעָה אִין טָאג אָנְצוּקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ דַארְף טוּן.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה; חַזֵר זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס - וֶועט דִיר אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פִירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל - אִיז אִים אַלֶעס פֵיין אוּן אַלֶעס גוּט.

שְׁרַייבּ מִיר וַוייטֶער, אִיךְ לֵיין אַלֶע בְּרִיוו.

...

## בַּאצִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אוֹיבּ דוּ ווילְסְט הָאבְּן דִי זְכוּת הַיי יָאר אַזוֹי ווִי אַלֶע יָארְן אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אַזוֹי ווִי דוּ פְלֶעגְסְט אַלֶע יָארְן בַּאצִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן דִי זְכוּת דָאס יָאר אוֹיךְ.

בֶּעט דַיין וַוייבּ זִי זָאל פְרֶעגְן דִי פְרוֹיעֶן וֶוער עֶס ווִיל הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן אַבִּיסְל

מִילְכִיגֶע זַאכְן לְכָבוֹד שָׁבוּעוֹת.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן אוּן וואוֹיל אִיז דַיין וַוייבּ וָואס אִיר הֶעלְפְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי אוּן שֵׁיין מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה׳ס גֶעלְט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה׳ס גֶעלְט, זָאלְסְט נִישְׁט בַּאשְׁטֶעלְן מֶער עֶסְן וִויפִיל מֶען דַארְף; דִי בָּחוּרִים וָואס רֵיינִיגְן דִי יְשִׁיבָה זָאגְן מִיר אַז זֵיי דַארְפְן אַוֶועק וַוארְפְן יֶעדְן טָאג פֶּעקְלֶעךְ בְּרוֹיט אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע עֶסְן.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וֶוען מֶען וַוארְפְט אַוֶועק עֶסְן, סֵיי אַלְס דֶער אִיסוּר פוּן בַּל תַּשְׁחִית אוּן סֵיי אוֹיף דִי אִידִישׁ גֶעלְט, צְדָקָה גֶעלְט - וָואס גֵייט לְאִבּוּד; אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעבֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט פוּן יְשִׁיבָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט.

אַז דוּ ווילְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט׳ן אָנְגְרֵייטְן עֶסְן דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִבּוּד קַיין אֵיין פְּרוּטָה פוּן מָמוֹן הֶקְדֵּשׁ.

...

### דוּ וֶועסְט נָאךְ שֵׁיין אוֹיסְוַואקְסְן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָארְג נִישְׁט, דוּ וֶועסְט נָאךְ שֵׁיין אוֹיסְוַואקְסְן; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן פְרִיעֶר אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס וַואקְסְן שְׁפֶּעטֶער. זָארְג נִישְׁט, דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט, דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶר קִינְד; הַלְוַואי זָאלְן אַנְדֶערֶע זַיין אַזוֹי וִוי דִיר.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דַאנְק אִים אוֹיף דַיין טֵייעֶרֶע טַאטֶע מַאמֶע, דַאנְק אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אוּן בֶּעט אִים וָואס דוּ דַארְפְסְט, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא קֵיינֶעם, דוּ בִּיסְט מֶער פוּן אַנְדֶערֶע.

...

## רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זֶען אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זַיין גֶעאֵייגְנְט נָאר פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶען זָאל זִיצְן בַּיינַאכְט אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט אַפָּאר בָּחוּרִים זָאלְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וואו צוּ עֶסְן, זָאלְסְטוּ זֵיי לָאזְן עֶסְן נַאכְטְמָאל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אָבֶּער עֶס דַארְף זַיין מִיט אַ צַייט, נִישְׁט זֵיי זָאלְן זִיצְן בִּיז שְׁפֶּעט אִין דִי נַאכְט אַרַיין פַארְבְּרֶענְגֶען טֵייעֶרֶע צַייט; אָפְּגֶערֶעדְט אִינְגֶעלַייט וָואס דִי וַוייבּ וַוארְט זֵיי אִין שְׁטוּבּ, זֵיי דַארְפְן אַהֵיים גֵיין.

וֶוען דוּ רֵיינִיגְסְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ רֵיינִיג דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאלְסְטוּ מִיךְ רֵיינִיגְן פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' מִיט דִי צְוֵויי שֵׁיינֶע לַאנְגֶע בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן דַיינֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, דֶעם נִיגוּן וָואס דוּ הָאסְט פַארְפַאסְט מִיט דִי וֶוערְטֶער: "תְּהִלִים, תְּהִלִים, תְּהִלִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## נֶעם אָן דִי מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ו אִיָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג.

הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא, אִיר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער; אִיר הָאט אַ גֶעטְרֵייעֶר מַאן, עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער.

אִיר וֵוייסְט וִויפִיל פְּרוֹיעֶן וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער? אִיר וֵוייסְט וִויפִיל פְּרוֹיעֶן וֵויינֶען אוּן טוּעֶן אַלֶע סְגוּלוֹת צוּ הָאבְּן נָאךְ אַ קִינְד אוּן נָאךְ אַ קִינְד? אוּן אַייךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָאס גֶעגֶעבְּן אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן יֶעצְט הָאט אִיר שׁוֹין נָאכְאַמָאל גוּטֶע נַייעֶס, בֶּעט אִיךְ אַייךְ, נֶעמְטְס דָאס אָן אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט אָן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אַייעֶר מַאן אוּן אִיךְ וֶועל אִים וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל אַייךְ שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט, עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן; אִיךְ וֵוייס אַז עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן, עֶר אִיז אַ צַדִיק, עֶר אִיז מֶער וִוי אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט בַּיי דִיר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין שְׁטֶעטְל בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אַן עִיר מִקְלָט; לָאז נִישְׁט בָּחוּרִים זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי דִיר, נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז בָּחוּרִים זָאלְן זִיצְן בַּיי דִיר אוּן פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט.

אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט צְוֵויי דְרֵיי בָּחוּרִים וֶועלְכֶע הֶעלְפְן מִיר בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב, אוֹיף זֵיי בִּין אִיךְ אַחְרָיוּת וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר אַ פְּלַאץ וואו מֶען פַארְבְּרֶענְט דִי צַייט.

זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין דַיין פֶעלְד, זִינְג דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת וֶועסְטוּ מַמְתִּיק זַיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים, דוּ וֶועסְט ווִיסְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין אַרְבֶּעט.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד; בַּיי מִיר אִיז דִי מוֹסָד דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים.

...

**דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט מֵיידְלֶעךְ אִיז הֲלָכוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

**יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר אַרְבֶּעט.**

אִיךְ וֵוייס אַז אַייעֶר לִימוּד אִיז וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֵיידְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע שְׁפְּרַאכְן אוּן קֶענֶען נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב - וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט הִלְכוֹת שַׁבָּת, הִלְכוֹת בָּשָׂר בְּחָלָב, הִלְכוֹת יִחוּד וְכוּ׳, וְכוּ׳?

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיבּ דִי מֵיידְלֶעךְ הַאלְטְן מִיט אוּן נֶעמֶען עֶרְנְסְט דֶעם לִימוּד.

...

**זָארְג נִישְׁט פַאר דַיין שִׁידוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳.**

**אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק, זַיי פְרֵיילִיךְ.**

זָארְג נִישְׁט פַאר דַיין שִׁידוּךְ; אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ טוּן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גְרִינְגֶע שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן, פַאר אַן עֶרְלִיכֶער מַאן אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

זָארְג נִישְׁט, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן.

...

**אַ גֶעפִיל אִין אֵיידְלְקֵייט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אַ גְרִיס פוּן דַיין מַאן, עֶר לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג אִין כּוֹלֵל, עֶר דַאוֶּוענְט אַזוֹי שֵׁיין אוּן עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן אִים.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אוֹיף דַיין אֵיידְלְקֵייט אוּן

בַאשֵׁיידְנְקֵייט, אִיךְ שְׁטָאלְצִיר מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידוֹת ווי דִיר; אַ מְחַיֶ׳ צוּ טְרֶעפְן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ הָאב אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן דִיר.

אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

...

**בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיוֹת אִין דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיוֹת אִין אַלֶע קִינְדֶער; טַאנְץ מִיט זֵיי, זִינְג מִיט זֵיי - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. דוּ בִּיסְט נִישְׁט זֵייעֶר חַבְרְ׳טֶע, דִי בִּיסְט דִי טִיטְשֶׁער, אָבֶער מִיט שִׂמְחָה, מִיט גֶעשְׁמַאק.

...

**מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט.

טַאנְץ מִיט דִי קִינְדֶער: ״אַה מְחַיֶ׳ צְנִיעוּת, אַה מְחַיֶ׳ צְנִיעוּת!״

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, בִּפְרָט פַאר דִי וָואס דִי נָאז רִינְט זֵיי אוּן פַאר דִי וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן פָּשׁוּט; זֵיי דַארְף מֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ זָאגְסְט נָאךְ תְּהִלִּים, פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם ״יוֹם תְּהִלִּים״.

זָארְג נִישְׁט, נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ אַ כַּלָּה.

...

**אַרײַנְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעפִּיל צוּ אַ צְוֵוייטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט אִין סְקוּל מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ.

לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִידוֹת, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִּיל צוּ אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ; זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע, זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חַבְרֶ'טֶעס.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא זָאלְן זַיין בְּאַחְדוּת, יֶעדֶער זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן זִיךְ שֵׁיין פַּארְטְרָאגְן.

...

**אַ גֶעפִּיל צוּ צְנִיעוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק אַלֶעמֶען מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ וֶוערְן אַלֵיינְס מְחוּזָק.

רֶעד מִיט דַיינֶע חַבְרֶ'טֶעס; אַלֶע קוּקְן דִיר אַרוֹיף, אַלֶע ווִילְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. עֶס אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן בַּיי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן צִיעֶנְדִיג, שְׁרֵייעֶדִיג אוּן אוֹיפְפַאלְנְד; דֶער נִסָּיוֹן אִיז בְּעִיקָּר בַּיי דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ אוּן אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חַבְרֶ'טֶע וָואס אִיז שְׁטַארְק מִיט אִיר אֵיידְלְקֵייט הֶעלְפְּט דָאס פַּאר אַנְדֶערֶע אוֹיךְ צוּ זַיין שְׁטַארְק.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער, רֶעד שֵׁיין צוּ אַלֶעמֶען, וֶועלְן אַלֶע דִיר נָאכְמַאכְן, אַלֶע וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת.

עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ אִין לֶעבְּן אַז דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא אוּן אַלֶע יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס וֶוערְן מְקוּרָב צוּ אוּנְזֶער קְהִלָּה זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת; זֵיי זָאלְן דָאס וֶועלְן, נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט - גֶעצְוואוּנְגֶענֶערְהֵייט. אִיךְ בֶּעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וְתַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט אוּן זִיךְ עֶקְלֶען פוּן עֲבֵירוֹת, זֵיי זָאלְן בְּרֶעכְן פוּן פְּרִיצוּת

און וֶוערְן אִיבְּלְדִיג פון אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע קְלֵיידֶער.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן, דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן און שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן און פַאר אַלֶעמֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועלְן אַלֶע בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ זָאגְסְט נָאךְ תְּהִלִים; הַלְוַואי זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים, אַזוֹי וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים.

...

## תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא זָאלְן זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ קוּק זֵייעֶר אַרוֹיס אַז דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ - תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא זָאלְן זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל פַאר אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת מִיט זֵייעֶר אֵיידְלְקֵייט און בַּאשֵׁיידְנְקֵייט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת, זֵיי זָאלְן זֶען וָואס אִיז אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה, מִיט דַיין צְנִיעוּת און מִיט דַיין שֵׂכֶל וְכוּ', וְכוּ'.

...

## לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אִין סְקוּל.

בְּרֶענְג אַרַיין צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת, זֵיי זָאלְן דָאס אַרוֹיפְקוּקְן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וִוי דָאס אִיז אַ גֶעצְוִוינְגֶענֶע זַאךְ.

וֶוען אִיךְ זֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן בַּיים הַאלְז אָדֶער קוּרְץ אָנְגֶעטוּן, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'דִי מֵיידְל אִיז אַזַא רַחְמָנוּת, וָואס פֶּעלְט אִיר? וָואס ווִיל זִי? פַארְוָואס אִיז זִי נִישְׁט צוּפְרִידְן?'

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶע מִיט חָכְמָה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען צְווִישְׁן דִי

מֵיידְלֶעךְ עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע זַאךְ דָאס גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, וֶועסְטוּ מִיר טוּן מִיט דֶעם אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה.

ווייל דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע צִיל מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סְקוּל "בֵּית פֵיגָא", אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ נַייעֶ דוֹר, אַ דוֹר פוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ וָואס זֶענֶען שְׁטָאלְץ אוּן הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט, הָאבְּן לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן לִיבּ ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל לֶעבְּן.

...

**חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֶסֶד אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דְרֵיי זַאכְן, אוֹיף תּוֹרָה, עֲבוֹדָה אוּן חֶסֶד (אָבוֹת א, ב); אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ; גֶעבּ פַאר דַיין וַוייבּ גֶעלְט אוּן פִיר זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ.

גֶעבּ פַאר דַיין וַוייבּ גֶעלְט זִי זָאל הָאבְּן וָואס זִי דַארְף; פִיר זִיךְ אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֻלִּין פד:): "לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר זַיין עֶסְן, אוֹיךְ זָאל עֶר נִישְׁט קוֹיפְן קַיין קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ אַלֵיין פַאר מֶער גֶעלְט ווִיפִיל עֶר הָאט, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן זֵיי גֶעבְּן מֶער גֶעלְט ווִיפִיל עֶר הָאט.

זַיין אַ קַארְגֶער, אַ קַמְצָן - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע מִדָּה, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, הַקְדָּמָה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְאַבְהָן", אַ קַמְצָן אִיז אַ נָבָל, דָאס ווַייזְט אַז עֶר שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּן אִידְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל הָאבְּן פַאר אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קוֹדֶם דַאוֶוענֶען אָדֶער קוֹדֶם זָאגְן תְּהִלִּים?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז זַייט אִיר הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶועג הָאט זִיךְ אַייעֶר לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט; אִיר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ נֶענְטֶער צוּ אִים.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאלְט עֶנְדֶערְשׁ טוּן, זָאגְן תְּהִלִּים אָדֶער דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אוּן מִנְחָה; קוֹדֶם קוּמְט דַאוֶוענֶען. אִינְדֶערְפְרִי זָאלְט אִיר דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים; אַז אִיר הָאט צַייט פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זָאלְט אִיר זָאגְן וִויפִיל אִיר קֶענְט.

אַלֶע יְשׁוּעוֹת לִיגְן אִין סֵפֶר תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים וָואלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּהִלִּים".

דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִיז אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ.

בְּנוֹגֵעַ אַ שִׁידוּךְ; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי הִינֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הֶער פוּן דַיין מְלַמֵּד זֵייעֶר גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִיר; אַז דוּ לֶערְנְסְט, דוּ דַאוֶוענְסְט אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט הָאבְּן הִינְדְלֶעךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; עֶס

אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ הָאדֶעוֶוען הִינֶער, מֶען דַארְף נָאר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי צוּ גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד; אַרוּם דַיין שְׁטוּב הָאסְטוּ שֵׁיינֶע פֶעלְדֶער, דָארְט זָאלְסְטוּ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר פוּן אִים.

...

**שְׁטַארְק זִיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ זַיין עֶרְלִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרֶער בָּחוּר אוּן אַ וואוֹילֶער בָּחוּר; לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט דִיר אֵיין אַז דוּ בִּיסְט אַ פַארְפַאלֶענֶער אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד. דָאס אַלֵיינְס אַז דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַוֶועק וַוארְפְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל דָאס וַוייזְט אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט.

קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ קוֹיפְסְט זִיךְ יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט נָאכְאַמָאל אַ נֵייעֶ סְמַארְטְפָאוֹן צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת, קוּק אוֹיף דָאס וָואס דוּ וַוארְפְסְט עֶס אַוֶועק יֶעדֶע מָאל נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָאס וַוייזְט אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן אַז דוּ בִּיסְט גוּט; דָאס וָואס דוּ קוֹיפְסְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן אוּן דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - דָאס אִיז נִישְׁט דוּ, דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס שְׁלֶעפְּט דִיר צוּרִיק אִין נֶעץ; עֶר ווִיל דִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, עֶר מֵיינְט אַז עֶר גֵייט דִיר גֶעווּאוּנֶען, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין טוֹעֶם גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דוּ וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם סוֹד אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער טֵייעֶרֶער ..., שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי נִישְׁט צֶעפַאלְן בַּיי דִיר; זַיי פְרֵיילִיךְ, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, בֶּעט אִים אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן חַס וְשָׁלוֹם, דֶערְצֵייל אִים פּוּנְקְטְלִיךְ וויפִיל סְמַארְטְפָאוֹנְס דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט אוּן ווִיפִיל דוּ הָאסְט שׁוֹין

צֶעבְּרָאכְן, זָאג אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס קוּקְן עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם; יֶעדֶעס מָאל קוּמְט אַ פְרִישֶׁער יֵצֶר הָרָע, אִיךְ גֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן אִיךְ בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט דֶעם, אִיךְ קוּק נִיאוּף, אִיךְ קוּק פָּאנָאגְרַאפְיֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם וֶוער אִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ צֶעבְּרֶעךְ דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן, אוּן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט טוּ אִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל, אִיךְ קוֹיף זִיךְ אַ טֶעלֶעפָאוֹן אוּן אִיךְ קוּק נָאכְאַמָאל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶס נֶעמְט נִישְׁט קַיין עֶק; טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע קְרוֹין, הֶעלְף מִיר! אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס גֵייט מִיר אָבֶּער נִישְׁט, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר!"

אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּן טָאג נָאךְ טָאג וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם.

...

### צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעג מֶען רֶעדְן אִינְמִיטְן דֶעם קַאפִּיטְל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן אַז אִיר זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

וֶוען אִיר זָאגְט תְּהִלִּים זָאלְט אִיר בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן קֶענֶען גְרִינְג מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער.

וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוֹיס בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דֶעם קַאפִּיטְל, אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶעג מֶען רֶעדְן אִינְמִיטְן דֶעם קַאפִּיטְל; נִישְׁט נָאר מֶען מֶעג רֶעדְן נָאר עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוִוישְׁן דִי וֶוערְטֶער אוֹיף אִידִישׁ.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט אַמָאל קוּמֶען בַּאזוּכְן אוּנְזֶער סְקוּל בֵּית פֵּיגָא אוּן זִיךְ מַאכְן נֵייעֶ חַבֶר'טֶעס מִיט אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת.

...

## גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע גֶעסְל אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם כָּל בֶּעט אִיךְ דִיר אִיבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן, עֶס אִיז מִיר כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן גְלַייךְ אוֹיף אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער בְּרִיוו וָואס קוּמֶען אָן טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, אִיר צוּ שְׁטַארְקְן אוּן עֶנְטְפֶערְן אִירֶע פְרַאגֶעס.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן דַיין לֶעבְּן. ווִי מֶער מֶען חַזֶר'ט זִיךְ אֵיין אַז 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען צוּ מִיר פַּאסִירְן נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט; מַיין גֶעלְט, מַיין גֶעזוּנְט, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין וַוייבּ, מַיין אַלֶעס - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', דֶעמָאלְט אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

פָאלְג דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אוּן גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן; כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אַלֵיינְס אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע גֶעסְל אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ אוֹיף אִידִישׁ, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע וֵוייטָאגְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט דִיר אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אִים אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע פְּרָט אִין דַיין לֶעבְּן, וֶועסְטוּ זֶען פְּלוּצְלִינְג אַ נַייעֶ וֶועלְט פַאר דִיר, אַלֶעס וֶועט וֶוערְן גוּט, אַלֶעס וֶועט וֶוערְן פַיין; דִי צַעַר וֶועט אַוֶועק גֵיין.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ; אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן דִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער גְלַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אוּן עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַייעֶרֶע פְּרַאגֶעס.

וֶוען אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט דִי יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אִיז דָאס גֶעוֶוענְלִיךְ פוּן קִנְאָה; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער אִיז דָא דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַז קִינְדֶער זֶענֶען מְקַנֵא דִי יוּנְגֶערֶע פוּן זֵיי אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּען זֵיי. אַנְשְׁטָאט אָנְשְׁרֵייעֶן וְכוּ' דַארְף מֶען זֵיי גֶעבְּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן זֵיי אוּן זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן, וִוי לְמָשָׁל זֵיי כְּסֵדֶר זָאגְן: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין עֶלְטֶער, דוּ גֵייסְט הֶעלְפְן דִי מַאמֶע, דוּ גֵייסְט קֶענֶען בְּלַייבְּן אוֹיף אוּן הֶעלְפְן קָאכְן, הֶעלְפְן בַּאקְן; דוּ קֶענְסְט שׁוֹין מִיט קוּמֶען וְכוּ', וְכוּ'", אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֵיי זָאגְן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי יוּנְגֶערֶע, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן חָשׁוּב אוּן צוּפְרִידְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיט אַלֶע עֵצוֹת אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה: "תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה"; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ. בִּפְרַט וֶוען אַ מַאמֶע בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִירֶע קִינְדֶער מִיט אִיר צֶעבְּרָאכְן הַארְץ גֵייט נִישְׁט פַארְלוֹירְן אִירֶע תְּפִילוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילוֹת אוּן מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע ווָאוּנְדֶער.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בְּעִיקָר וֶוען אִיר צִינְדְט דִי לֶעכְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס זָאלְט אִיר זִיצְן בַּיי דִי לֶעכְט מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן פָּנִים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים צַדִּיקִים.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט וְכוּ', זָאלְט אִיר נָאךְ וַוארְטְן אוּן דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען. וֶוען אִיר וֶועט קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, אִיר וֶועט זַיין גְרֵייט צוּ קִינְדֶער וֶועט אִיר דֶעמָאלְט פְּרֶעגְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה; צִינְדְטְס אָן אִין שְׁטוּב נִגּוּנֵי אֱמוּנָה. אֱמוּנָה מַאכְט רוּאִיג, אֱמוּנָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעפַּאלְן?

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר מְחַיֶ' זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִיק (חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג) אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה וּמְחַזֵק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען", זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי דִי צַדִיקִים זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק מִיט דֶעם אַלֵיינְס אַז מֶען אִיז אַ אִיד, דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אָנְטוּן תְּפִילִין; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד:): "כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין מַאֲרִיךְ יָמִים", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים; אוֹיךְ אִיז דָאס אַ שְׁמִירָה פַאר אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מג:): "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר, כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ, וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ - הַכֹּל בְּחִזּוּק שֶׁלֹּא יֶחֱטָא", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן.

פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט; פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי תְּפִילִין, וֶוען דוּ טוּסְט

אָן דִי תְּפִילִין זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ טוּן אַזַא מִצְוָה. אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש הָאט אָנְגֶעטוּן דִי תְּפִילִין מִיט אַזַא שִׂמְחָה, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶער טַאנְצְן בִּשְׁעַתְ'ן זָאגְן דִי בְּרָכָה.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אַז דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ פְרוֹי דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי שְׁטוּב.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן אַייעֶר זַייט אַז אִיר ווִילְט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן דֶעקְן דִי חוֹבוֹת, אָבֶּער דָאס קֶען נָאר זַיין אוֹיבּ אִיר הָאט דִי כּוֹחוֹת דָאס צוּ טוּן.

עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר פְלִיכְט צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אַייעֶר פְלִיכְט אִיז צוּ זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ, זַיין גְרֵייט פַאר אַייעֶר מַאן וְכוּ'. אַז אִיר ווִילְט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת דַארְפְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קְלוּג אִינְגְל נוּצְט אוֹיס דִי צַייט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן טַאטֶעס אוּן זֵיידֶעס וָואס הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן דוּ בִּיסְט אַ אִינְגְל פוּן נַיין יָאר אַלְט, אוּן דוּ הָאסְט שֵׂכֶל אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דִי שֵׁיינֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶ קְרוֹין וָואס דוּ הָאסְט גֶעמָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען פִּירְט זִיךְ הֵיילִיג, הָאט מֶען אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אָנְצוּרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; עֶס אִיז אַזוֹי הַארְבּ אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קח:): ״יָד לַאַמָּה תִּקָּצֵץ״, דִי הֶענְט וָואס רִירְט אָן דֶעם בְּרִית זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁנִיטְן; וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט דִי וֶועלְט זָאל חָרוּב וֶוערְן.

דוּ בֶּעסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן חִיזּוּק דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָנְרִירְן וְכוּ׳; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גוּט עֶס אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְקֶערְט, וִוי שְׁטַארְק מֶען לַיידְט אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט נִישְׁט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן אוּן נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ׳ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ זַיין אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ אִין צַייט אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג, מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי שִׁידוּךְ אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט יָא חֲתוּנָה קוּמְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט דִי וַוייבּ.

זַיי קְלוּג, וֶוען דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין טָאכְטֶער, וֶועט זִי וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין טָאכְטֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס זִי ווִיל נִישְׁט גֵיין מִיט אַ צָאפּ; פְרֵיי זִיךְ אַז זִי גֵייט מִיט צַאמְגֶענוּמֶען הָאר, אַז דִי הָאר אִיז צַאמְגֶענוּמֶען (פָּאוֹנִי) אִיז דָאס נִישְׁט אַ חִסָּרוֹן אִין צְנִיעוּת; כָּל זְמַן דִי הָאר אִיז שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען אִיז עֶס צְנִיעוּת'דִיג.

הֵייבּ דַיין טָאכְטֶער, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ; אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט זִי נִישְׁט אָפְּלָאזְן צְנִיעוּת. אַלֶע וָואס לָאזְן אָפּ צְנִיעוּת אוּן טוּעֶן זִיךְ אָן נִישְׁט ווִי מֶען דַארְף זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְטֶע מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, זֵיי זוּכְן וָואס זָאל זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן; זֵיי מֵיינֶען נֶעבֶּעךְ אַז זַיין נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, לָאז אָפּ דַיין טָאכְטֶער; זִי אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיס מֵיידְל אוּן דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זִי זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אֵיידְל, דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, נָאר רֶעדְן שֵׁיין אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי מַכִּיר טוֹבָה דַיינֶע קִינְדֶערְס מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ חֵדֶר אוּן אַ סְקוּל פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ זֵיי וַואקְסְן אוֹיף אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס

לֵייגְן אַרַיין אֱמוּנָה אִין זֵיי, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז וָואס מֶען דַארְף אִין לֶעבְּן זָאל מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רוֹב עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דִי מוֹסָד אִיז; וְויפִיל מֶען אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען בּוֹיט זֵיי אוֹיף זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס דִי לֶעבְּן אִיז אוּן זֵיי אַיינְשְׁפָּארְן פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ׳, וְכוּ׳. וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִויפִיל כּוֹחוֹת עֶס גֵייט אַרַיין אִין דַיינֶע קִינְדֶער וָואלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאנְקֶען דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִיר.

עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע זַאךְ אַז דוּ זָאלְסְט צוּ גֵיין צוּ דַיין זוּן׳ס מְלַמֵּד אוּן אִים דַאנְקֶען, אִים וַוייזְן אַז דוּ בִּיסְט אִים מַכִּיר טוֹבָה; אַז דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען דֶעם מְנַהֵל אוּן דִי מְנַהֶלֶת אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַּארְ׳ן מוֹסָד אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס פַּאר דִי וָואס גֶעבְּן דִיר גוּטְס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס פַּאר גוּטְס וֶועט בַּיים סוֹף פַּאסִירְן מִיט אִים נִישְׁט גוּטְס, אַזוֹי וְוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, יג): "מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה, לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ", וֶוער עֶס בַּאצָאלְט צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס פַּאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעטוּן גוּטְס, זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן אִים.

ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מַכִּיר טוֹבָה, עֶר בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַּאר דִי וָואס הֶעלְפְן אִים אוּן טוּעֶן גוּטְס פַּאר אִים, וֶועט עֶר וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאב אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ מוּז מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ מַיינֶע טַייעֶרֶע בָּחוּרִים, מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים - זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

הָאסְט מִיר מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען אַז דוּ הָאסְט פַּארְמַאכְט דַיין סְטֶעטוּ"ס.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ב׳ סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וְוי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט מִיר דֶערְפְרֵייט דֶעם שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ הָאסְט פַּארְמַאכְט דַיין סְטֶעטוּ"ס, דוּ הָאסְט גֶעכַאפְּט אַ גוּטֶע קִיצְל פוּנֶעם בְּרִיוו פָארִיגֶע וָואךְ (מִכְתָּב יוֹמִי - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּיר) וואוּ אִיךְ פְּרֶעג דִיר: ׳אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט טַאקֶע הָאבְּן דַיין טֶעלֶעפָאן, וִויל אִיךְ

וויסן אויב דו דַארְפְסְט אויךְ טַאקֶע קוקְן סְטֶעטוּ"ס, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ הֶערְן אויב דוּ דַארְפְסְט עֶס טַאקֶע; הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת.

וֶועסְט זִיךְ אַוַדַאי וואוּנְדֶערְן: 'וָואס גֵייט גֵייט אָן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיךְ טוּ? וָואס בַּאדֶערְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אִיךְ קוּק סְטֶעטוּ"ס?' וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ וֶועסְט דָאס סַיי וִוי נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט דִיר אִין יְשִׁיבָה אַסַאךְ יָארְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל אַוֶועק גֶעגֶעבְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וויסְן וִויפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ לִיגְט אוּנְטֶער דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ לֶערְנְסְט אִין יְשִׁיבָה; אַלֶעס טוּ אִיךְ נָאר וַוייל אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן. אוּן וֶוען אִיךְ זֶע וִוי אִינְגֶעלַייט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן אוּן וִוי מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מִיר, אָבֶער וֶוען אִיךְ הֶער אַזַא גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ הָאסְט פַארְמַאכְט דַיין טֶעלֶעפָאן פוּן נַארִישְׁקֵייטְן - גֶעבְּט דָאס מִיר כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי שְׁפַּאצִירְן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, אַזַא רֵיינֶע פְּלַאץ, אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע פְּלַאץ; נוּץ אוֹיס דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער פַאר תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

נֶעם דִי וֶוערְטֶער, דִי בְּרִיוו אוּן דִי הִתְחַזְקוּת פַאר דִיר.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּ וָואס אִיךְ טוּ, לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ'; חַזֶר זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען דָא סַךְ הַכֹּל גֶעסְט, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן, אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן אוּן זִיךְ קְרִיגְן.

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַּארְנוּמֶען אַז בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ, בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַהֶער אַהִין; זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אוּנְזֶער טִישׁ אִיז שֶׁענֶער וְכוּ', אוּנְזֶער טִישׁ ווערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער - אַלֶעס נָאר בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ, אַלֶעס נָאר אִין דִי כֹּחַ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט, רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ", אִיז גֶעקוּמֶען אָדְל - דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "אַזוֹי רֶעדְט מֶען? מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ"? הָאט רֶבִּי נָתָן אִיר גֶעזָאגְט: "יָא, מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ, אָבֶער נָאר בִּזְכוּת פוּנֶעם רֶבִּי'ן", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס טִישׁ אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ, אָבֶער אַלֶעס בִּזְכוּת פוּן רֶבִּי'ן", אוּן אַזוֹי גֵייט דָאס וַוייטֶער.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן קֵיינֶעם, קוּק אוֹיף דִיר; נֶעם דִי וֶוערְטֶער, דִי בְּרִיוו אוּן דִי הִתְחַזְּקוּת פַאר דִיר. לֶעבּ מִיט דֶעם, גֵיי מִיט דֶעם אוּן אַנְדֶערֶע וָואס ווִילְן דָאס נִישְׁט נֶעמֶען זָאל זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס גוּטְס; דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ דַאוֶוענֶען יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; שָׁבוּעוֹת אִיז אַ צַייט וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמו) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רַב וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער חַבֵר אוּן זֵיי הָאבְּן מֵחֲמַת גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אַ 'תְּקִיעַת כַּף' אַז וֶוער עֶס וֶועט פְרִיעֶר נִסְתַּלֵּק ווערְן וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן צְוֵוייטְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל. דֶער רַב אִיז קוֹדֶם נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער צֶען יָאר וָואס דֶער חַבֵר הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רַב

זָאל אִים קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן, אוּן דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער חַבֵר הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין זוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט אִים אִיבֶּער דִי 'תְּקִיעַת כַּף'.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ צֶען יָאר אוּן דֶער רָב אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַז דֶער זוּן הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט נִפְטָר וֶוערְן הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין זוּן – אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם רָבְ'ס חַבֵר, אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם 'תְּקִיעַת כַּף'.

נָאךְ אַכְט יָאר הָאט זִיךְ דֶער רָב בַּאוִויזְן צוּ דֶעם אֵיינִיקְל אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַזוֹי: גְלַייךְ וֶוען מֶען הָאט מִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין קֶבֶר הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט אַז אִיךְ לֶעבּ נָאךְ, אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אִין פְרִישׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט: 'וָואס הֵייסְט מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן מֶען בַּאעֶרְדִיגְט אִים?!' הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט וָואס מֶען קֶען דָא טוּן, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן מַיין קֶבֶר אוּן אַהֵיים גֵיין. אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּנֶעם קֶבֶר – אַלֶעס אִיז נָאר אַ חָלוֹם – אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַהֵיים צוּ גֵיין מִיט תַּכְרִיכִים, הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן נַאכְט, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ אַהֵיים גֵיין, אִין דִי טוּנְקְל וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ מִיט תַּכְרִיכִים, וַוייל דִי מִשְׁפָּחָה וֶועט שְׁטַארְבְן פוּן שְׁרֶעק.

אַזוֹי טְרַאכְטֶנְדִיג דַאכְט זִיךְ מִיר וִוי אִיךְ זֶע אַ פֶּעדְלֶער גֵייט אַרוּם פַּארְקוֹיפְן מַלְבּוּשִׁים, אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶר הָאט אוֹיךְ רֶבִּי'שֶׁע מַלְבּוּשִׁים, בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן אִיךְ זָאג אִים: אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ זִיךְ טוֹישְׁן, אִיךְ גֶעבּ דִיר מַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן דוּ גֶעבּ מִיר דִי רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער? אוּן דֶער פֶּעדְלֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִיךְ בִּין אַרַיין אִין שְׁטָאט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטָאט וִוי אִיךְ וואוֹין, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעוַואנְדֶערְט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, אִינְצְוִוישְׁן בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן הוּנְגֶעריג, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קָאךְ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן עֶסְן, הָאט מֶען מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי אִיךְ הָאבּ צוּ בַּאצָאלְן, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט "נֵיין" הָאט מֶען מִיר אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט. אִיךְ בִּין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, אַרוֹיסְקוּמֶענְדִיג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן

קְרִיגְן זִיךְ, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה פַאר אַייךְ? אִיךְ בִּין אַ רָב", זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט דֶעם דִין תּוֹרָה אוּן אֵיינֶער הָאט מִיר בַּאצָאלְט צְוֵויי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קָאךְ אוּן גֶעבֶּעטְן אַבִּיסְל בְּרוֹינְפְן. אַזוֹי וִוי אִיךְ ווִיל שׁוֹין טְרִינְקֶען קוּמֶען אַרַיין צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן זָאגְן מִיר אַז בֵּית דִין רוּפְט מִיךְ, אִיךְ זָאל שׁוֹין קוּמֶען; הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ ווִיל קוֹדֶם עֶסְן וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן מִיךְ גֶעוָוארְנְט אַז אִיךְ מוּז שׁוֹין גֵיין מִיט זֵיי.

אִיךְ קוּם אָן צוּם בֵּית דִין אוּן מֶען הַאלְט מִיךְ פָאר: "הֲיִתָּכֵן, וִוי מֶעג אַ פְרֶעמְדֶער רָב פַּסְקְ'נֶען דָא אַ דִין תּוֹרָה?" אוּן מֶען הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל נָאכְזוּכְן בַּיי מִיר צִי אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען שֹׁחַד, אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת וָואס אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר בַּאצָאלְט, הָאט בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל מִיךְ אוֹיסְטוּן מַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן אַרוֹיס לֵייגְן נַאקֶעט אוֹיפְ'ן גַאס, אַלְס אַ שְׁטְרָאף אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען שֹׁחַד.

פַארְצֵיילְט דֶער רָב וַוייטֶער פַאר דֶעם אֵייניקְל אִין חָלוֹם: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע צַעַר אוּן מוֹרָא'דִיגֶע בּוּשׁוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין בֶּעסֶער צוּרִיק צוּ גֵיין אִין קֶבֶר, וַוייל אֵיידֶער אַזַא לֶעבְן אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער דֶעם טוֹיט, אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק גֵיין אִין קֶבֶר אָן תַּכְרִיכִים?! אַזוֹי וַוארְטְנְדִיג הֶערְט עֶר וִוי מֶען זָאגְט: "וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועט מֶען אִים מְצַעֵר זַיין? לָאמִיר אִים אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז עֶר אִיז טוֹיט", (דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִסְתָּמָא הָאבְּן זַיינֶע זְכוּתִים דָאס גֶע'טַעֲנָה'ט"), הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען אִים נִישְׁט טְרָאגְן צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה פַאר עֶר אִיז מְקַיֵים דֶעם 'תְּקִיעַת כַּף', דֶערְפַאר קוּמְט עֶר יֶעצְט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייניקְל וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן, אוּן דָאס הָאט גֶענוּמֶען אַכְט אִין צְוָואנְצִיג יָאר; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרֵיי מָאל אַ יָאר: 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' אוּן 'שָׁבוּעוֹת', וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ".

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מְנִיעוֹת צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ; דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָן אַ שִׁיעוּר גוּטֶע סִיבּוֹת וָואס עֶר רֶעדְט אֵיין דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶע לִיבֶּער חַבֵר, שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּם דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עוֹלָם

הַתֹּהוּ אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַאנְץ און שְׁפְּרִינְג אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד און נִישְׁט קַיין גוֹי; דָאס אַלֵיינְס אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אִיז שׁוֹין גֶענוּג מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ פְּלִיאָה) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה און אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ", הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" אַלֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!' בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי"; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, "אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס דוּ ווִילְסְט נָאר זָאגְן אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ זָאגְן, אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין ווַייבּ און מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א' - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת; לָאז נִישְׁט קֵיינֶעם זִיךְ אַרַיין מִישְׁן אִין דַיין

שָׁלוֹם בַּיִת, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער, וָואס, וֶוען און וואו. קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן; דַיין וַוייבּ זָאל זַיין בַּיי דִיר מֶער וִוי דַיינֶע חֲבֵרִים, דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ הַאלְטְן טַייעֶר און חָשׁוּב אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ נַאר דִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ לֶערְן דִיר וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעזֶעצְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיים טִישׁ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת!" און דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער און מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער און אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען און וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן און דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ, אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּב הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ, מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, און נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ.

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וִוי מֶען פְלֶעגְט הֶערְן וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ מִיט אַזַא שֵׁיינְקֵייט, מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ; אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט וַוייבֶּער וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', וְכוּ' - הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶערֶעדְט שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, מִיט סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען אַסַאךְ וַוייטֶער וִוי דֶער וָואס קְרִיגְט זִיךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

Keren Hadfusa of Breslev
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205-1509
P: 718-387-2691
Email: Mail@kerenhadfusa.org